אינגערמאַן! די בעסטע החלטה
וואָס איר קענט מאַכן:
א קביעות אין הלכה.

# היינט!

## איז די צייט!

היינט
זונטאג
הייבט
מען אן!



## הגיע הזמן!

כאַפּט אייך מיט, מיט רבבות אלפי ישראל!

**דרשו הלכה**
התחלת מחזור השלישי

**יום א' ויקהל - י"ט אדר א'**

פראגעס און ענטפערס

## וואס איז דרשו הלכה פראגראם?

אין די ראמען פון דרשו הלכה, לערנט מען איין עמוד משנה ברורה יעדן טאג, 5 טעג א וואך, סה"כ בערך 20 עמודים יעדן חודש.

דרשו האט אן אייגענע מהדורה משנה ברורה ווי אויף יעדן עמוד איז דא ביאורים הלכה למעשה לויט די היינטיגע פוסקים און שיטות, וועלכע גיט א געוואלד צו צום לימוד.

אין צוגאב צו דעם, לערנט מען יעדן טאג א קליינעם שטיקל מוסר, אין די ספרים פונען הייליגן חפץ חיים, ווי שמירת הלשון, זכור למרים, און נאך.

## וויאזוי ווייס איך וואס מ'לערנט אצינד?

דרשו האט א ספעציעלע לוח פון די טעגליכן לימודים פונקטליך מסודר מידי יום ביום.

איר קענט דאס אנפרעגן ביי די דרשו אפיס 02080502615 אדער שיקן אן אימעיל צו info@dirshu.co.uk.

## קען מען ווערן א טייל פון דרשו אן נעמען די בחינה?

יא - אויב איר ווילט - עס איז דא פילע דרשו לומדים וואס נעמען נישט די בחינה.

אבער, נעמען די בחינה הייבט אויף די ערנסקייט און כוחות איר וועט ארײנלייגן דערין, און וועט אייך געבן די נויטיגע שטופ, אנצוגיין און קענען די לימודים.

## וויאזוי שרייב איך זיך איין צו דרשו?

איר דארפט זיך נישט איינשרייבן.

איר דארפט אנקומען צום בחינה, אויף די אנגעצייכנטע מקומות ווי עס ווערט מפורסם. ביים בחינה פילט איר אויס אייערע פרטים ווי איר וועט דערנאך ערהאלטן אייערע אייגענע "דרשו קאוד".

## ווי אפט איז דא א בחינה?

יעדער פיר אדער פינעף וואכן. איר וועט דערפון הערן אדער זעהן, ווען עס קומט פאר די נעקסטע בחינה.

## דארף איך קענען די "ביאור הלכה"?

עס איז דא צוויי חבורות, ווי איר קענט זיך וועלן וועלכע בחינה צו נעמען, מיט ביאור הלכה אדער אהן.

## זענען די בחינות שווער צו קענען?

די בחינות ווערן אפגעראכטן אויף א לייכטערע אופן - מאלטיפל טשוי"ס - ווי איר צייכנט אן די ריכטיגע ענפער. עס איז דא 25 שאלות אויף משנה ברורה - און נאך 5 שאלות אויף די חלק המוסר.

עטליכע שאלות אויף די בחינה, זענען אויף די ביאורים פון די דרשו מהדורה אויף משנה ברורה.

## וואס איז די מתן שכר?

ביז 55 פונט פאר די בחינות מיט ביאור הלכה. און ביז 40 פונט פאר די בחינות אן ביאור הלכה.

ווי שוין ערוועגט, איר דארפט בלויז אנקומען צום בחינה, איר דארפט זיך נישט איינשרייבן!

## אויב איז עס מיר שווער צו לערנען אליינס, וואס קען איך טוהן?

עס איז אלעמאל בעסער צו לערנען מיט א חברותא, אדער שטעלט אייך צו איינע פון די פילע שיעורים אין שטאט!

גלייכצייטיג קענט איר אויך מסדר זיין א שיעור אין אייערע ביהמ"ד, מיר קענען אייך דערצו העלפן, ווי אויך שטעלט דרשו צו א חודש'ליכע סכום פון 150 פונט פאר מגידי שיעור פון דרשו שיעורים וועלכע האבן 10 משתתפים ביי שיעור.

ומתקדש בקדושה העליונה
של התורה הקדושה
דרשו ה' ועזו
סיום העולמי דף היומי בהלכה
תשפ"ב